פרשת
ויקהל
שנת תשפ"ה

גליון כ"ד

# בהיכלא דמלכא

א טויער צום היכל
פונעם דרך החסידות

מתוך שיעוריו ושיחותיו של האדמו"ר מקאסוב זצ"ל

## לְהִתְעַנֵּג עַל ה' (ב)

### מעורר זיין די השתוקקות צו א תענוג רוחני

ווען א איד איז מקריב זיין גשמיות באקומט ער א תענוג רוחני | **יעדער טריט אוועק פון גשמיות ברענגט נענטער צום רוחניות'דיגן תענוג** | יעדער איד קען דאס שפירן און מ'דארף נישט זיין קיין צדיק דערפאר | **איינער וואס לעבט מיט רוחניות האט סאך א זיסער לעבן** | יעדער מענטש האט א דארשט נאך תענוג | **אויב פילט מען עס און מיט גשמיות בלייבט מען דארשטיג** | עס איז נישט מעגליך צו שטילן דעם רוחניות'דיגן דארשט מיט גשמיות | **יעדער תענוג גשמי מוז אויך האבן עפעס רוחניות אין זיך** | פאראוואס שפירט מען נישט אלעמאל דעם תענוג רוחני? | **א השגה בקטנות פילט מען מער ווי א השגה בגדלות** | א תענוג רוחני דארף קומען לשמה און נישט מיט'ן חשבון צוריקצובאקומען אויף צוריק | **איינמאל מען הייבט עס אן שפירן בלייבט דער תענוג אויף אייביג**

### אריינפיר

מיר האבן אויסגעשמועסט אין די פריערדיגע גליונות אז אלע תענוגי עולם הזה וואס דער יצר הרע ברענגט אריין אינעם מענטש האט באמת א וויכטיגן און קריטישן ציל: צו באקענען דעם מענטש מיט'ן העכער'ן מושג פון תענוג, אזוי אז ער זאל קענען פארשטיין אז עס איז דא אזא מושג ווי א רוחניות'דיגער תענוג, און ער זאל משתוקק זיין דערצו און ארויסקוקן דערויף.

מיר האבן אויך אויסגעשמועסט אז ווען א איד איז עוסק אין א מותר'דיגן גשמיות'דיגן תענוג, און ער אנערקענט אז די הנאה קומט נאר פונעם אויבערשטן, האט ער דערמיט ארויפגעברענגט דעם תענוג צו סאך א העכערן פלאץ. אזוי אויך ווען דער יצר הרע קומט איינרעדן דעם מענטש צו טון א דבר איסור, און ער לאזט זיך נישט דערפון און ער איז מסיח דעת פון דער שלעכטער מחשבה, טוט ער אויף גאר גרויסע זאכן אין די עולמות עליונים, מיט דעם וואס ער ווייזט אז 'אין עוד מלבדו', און אז אפילו אין די נידריגסטע ערטער פון דער בריאה איז ער ממליך דעם אויבערשטן.

יעצט לאמיר ממשיך זיין און פארשטיין וויאזוי דאס אוועקגעבן און מוותר זיין אויף גשמיות'דיגע תענוגים טוט אויסבויען דעם מענטש אז ער זאל פארגרעסערן די השתוקקות צו א תענוג רוחני, און ער זאל שפירן א העכערן טעם אין זיין עבודת ה'. אזוי אויך וועלן מיר זיך פארטיפן צו פארשטיין פארוואס אן אמת'ער תענוג, וואס האט א קיום, קען נאר קומען פון א רוחניות'דיגן פלאץ.

## א

## דער מהלך פון גשמיות צו רוחניות

### ווען דער תענוג גשמי קומט זיך צוזאם מיט'ן תענוג רוחני

הרה"ק ר' אהרן מזיטאמיר זי"ע, מגדולי תלמידי הרה"ק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זי"ע, ברענגט ארויס דעם ענין פון תענוג אין ספר הקדוש תולדות אהרן (פר' שלח ד"ה ויעלו ויתורו). ער שרייבט אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט נאר ווייל ער האט געוואלט אז ער וועט האבן א כלל ישראל וואס וועט אים דינען און ער וועט האבן פון זיי א תענוג (בראשית רבה א, ו), און דערפאר האט ער באשאפן אן א שיעור וועלטן: עולם המלאכים, עולם השרפים, עולם הגלגולים, שמים וארץ, דומם, צומח, חי און מדבר, וואס זיי אלע שעפן חיות פון דער עבודה פונעם מענטש.

און פון וועלכער עבודה באקומט דער אויבערשטער א תענוג? **דעם אויבערשטנ'ס תענוג קומט פון דעם וואס א מענטשווארפט אוועק אלע תענוגי עולם הזה**, ער פארגעסט פון זיך, און ער טוט אלעס נאר פאר'ן אויבערשטנ'ס כבוד וועגן. פון דעם באקומט דער אויבערשטער א תענוג, אז ער האט געהייסן דעם איד וויאזוי זיך צו פירן און דער מענטש טוט זיין רצון.

שרייבט ווייטער דער הייליגער תולדות אהרן אז ווען א איד ברענגט ארויף דעם תענוג צום אויבערשטן, דעמאלט קומט דער 'עולם התענוג' און בינדט זיך אן מיט די נשמות פון די אידן, און די אידן באקומען צוריק א תענוג פונעם אויבערשטן. און וואס

איז דער תענוג וואס די אידן באקומען פונעם אויבערשטן? אז דער אויבערשטער שיינט זיי אריין אין זייער שכל א גרויסן אור אז זיי זאלן אים קענען דינען מיט העכערע השגות. (ע"ע במאור ושמש תזריע ד"ה אשה כי תזריע).

ענדיגט ער צו דארט אז דער תענוג וואס דער אויבערשטער באקומט פון א איד וואס לאזט אפ זיינע אייגענע רצונות פאר'ן רצון הבורא איז העכער פון אלע וועלטן, **און אפילו די העכסטע מלאכים האבן נישט קיין השגה אין דער גרויסקייט פון דעם תענוג** (ע"ע בתפארת שלמה האזינו ד"ה עוד בד"ז, וכן הוא בתפארת שלמה לשבת ד"ה אמר רב ענן). און ווען דער אויבערשטער באקומט דעם תענוג, באקומט דער מענטש א געוואלדיגע ליכטיגקייט פון אויבן, און ער ווערט געטוישט פאר א נייער מענטש, און אזוי ווערן די צוויי תענוגים באהאפטן ווי איינס: דער תענוג וואס דער איד ברענגט ארויף פון אונטן, צוזאמען מיט'ן תענוג וואס דער אויבערשטער שיקט אים צוריק אראפ פון אויבן פונעם עולם התענוג.

## א טריט אוועק פון גשמיות – א טריט נענטער צו רוחניות

מיר מוזן זיין זייער אויפריכטיג, און וויסן זייער קלאר אז די מדריגה פון וואס דער הייליגער תולדות אהרן רעדט איז בכלל נישט אזא פשוט'ע מדריגה. ער רעדט דא פון **גאר א הויכער מדריגה** וואס נאר צדיקי אמת זענען זוכה אנצוקומען, אזוי ווייט אז עס אינטערעסירט זיי נישט מער בכלל קיין שום דבר גשמי, נאר איין זאך ליגט זיי קעגן

> **דער תענוג וואס דער אויבערשטער האט פון א איד וואס לאזט אפ זיינע רצונות פאר'ן רצון הבורא איז העכער פון אלע וועלטן, און אפילו די מלאכים האבן נישט קיין השגה אין דער גרויסקייט דערפון.**

די אויגן: צו מאכן א נחת רוח פאר'ן איין-איינציגן באשעפער, און **זיי זענען גרייט יעדע רגע אויפצוגעבן זייער לעבן בעולם הזה און אפילו בעולם הבא**, אבי צו ערפילן דעם הייליגן רצון פונעם אויבערשטן און אים צו מאכן א תענוג. דערפאר זענען זיי זוכה שטענדיג צו לעבן נאר מיט א העכערן תענוג רוחני, וואס דער אויבערשטער שענקט זיי צוריק פון אויבן, פונעם עולם התענוג.

דאס איז באמת גאר א הויכע מדריגה און איז נאך ווייט פון וואו פשוט'ע מענטשן האלטן. קיינער זאל זיך אוודאי נישט איינרעדן אז אויב ער וועט איינמאל אויפגעבן א גשמיות'דיגע הנאה וועט ער שוין פון יעצט זוכה זיין צו לעבן נאר אין א העכערן אטמאספער פון תענוג רוחני, דאס גייט נישט אזוי לייכט.

נאר פונדעסטוועגן איז דאס בפירוש יא געמאכט פאר יעדן איד, אפגעזען אויף וועלכער מדריגה ער האלט. ווייל דער ענין פון תענוג, ווי מיר האבן שוין גערעדט, כאפט אןביידע עקן: פון איין זייט איז דער עולם התענוג, דער העכסטער פלאץ אין רוחניות וואס אפילו די העכסטע מלאכים האבן נישט קיין השגה אין דעם, אבער לעומת זאת איז דאס אראפגעקומען אינעם עולם הגשמי אזוי נידריג, אז עס איז פארשטעלט געווארן אין די מגושמ'דיגסטע תאוות וואס זענען ממש דער היפוך פון רוחניות.

די צדיקים קומען אן צו אזא מדריגה, אז זיי נעמען עס ביז'ן צווייטן עק ממש, דאס הייסט אז **זיי דרייען איבער די גשמיות אויף רוחניות ממש**, זיי אנטפלעקן דעם ריינעם אמת אז דער תענוג גשמי איז גארנישט מיט נישט, עס איז בטל ומבוטל צום מלך מלכי המלכים, און זיי זענען טאקע זוכה צו וואס דער תולדות אהרן זאגט, צו באקומען פון הימל גרויסע השגות און לעבן נאר מיט א העכערן תענוג

עס איז אבער זעלבסטפארשטענדליך אז מיט יעדן איינציגן טריט וואס א איד רוקט זיך אפ פון א תענוג גשמי, נעמט ער א טריט נענטער צום צווייטן עק פון תענוג רוחני. און אפילו א איד האט נאר איינמאל אויפגעגעבן א תענוג גשמי פאר'ן אויבערשטנ'ס כבוד וועגן, איז ער שוין אביסל דערווייטערט פון דעם גשמיות'דיגן תענוג, און ער איז שוין מיט עפעס נענטער געווארן צום העכערן תענוג רוחני. ווי מער ער וועט זיך נענטער רוקן צום תענוג רוחני, צו אנטפלעקן דעם אויבערשטנ'ס כבוד אין דער גאנצער גשמיות, אלץ מער וועט ער אויך זוכה זיין צו שפירן א העכערן און העכערן תענוג פון אויבן.

## ב

# דער חילוק צווישן תענוג גשמי און תענוג רוחני

### א גשמיות'דיגער תענוג האט נישט קיין קיום

מענטשן נארן זיך, און מיינען אז דער וואס לאזט זיך וואוילגיין אויף דער וועלט, ער האט א שיין הויז, פארט ארום אויף שיינע פלעצער און גיט זיך נאך אלע תענוגים וואס דער גוף פארלאנגט – יענער האט הנאה אויף דער וועלט און פילט א טעם אין זיין לעבן. משא"כ דער וואס גיט זיך נישט נאך קיין גשמיות'דיגע הנאות – יענער לעבט א טרוקן לעבן אן קיין הנאה. יא, אוודאי וועט אים אפווארטן א פיינעם גן עדן, אבער אויף דער וועלט איז ער א בטלן וואס געניסט נישט פון זיין לעבן. למשל איינער וואס רייסט זיך אוועק פון א געשמאקן פארברענג כדי צו גיין לערנען, אדער איינער וואס פארברענגט נישט ביז שפעט אינדערנאכט כדי צו קענען

אויפשטיין פרי און לערנען פאר'ן דאווענען, ער איז ווייט פון שפירן א געשמאק אינעם לעבן. אזוי קוקט עס אויס.

אבער די מציאות פרעגט דאס אפ. עס הייבט זיך נישט אן; נאר פונקט פארקערט, א שנעלער בליק אויף די טייערע קארס פון די נייסטע מאָדעלן וואס האלטן זיך אין איין באנייען טאג-טעגליך, צי אויף די רייצנדיגע מלבושים וואס האלטן זיך אין איין טוישן און אזוי אויך אלע אנדערע תענוגים מיט וואס מענטשן לאזן זיך וואוילגיין, ווייזט אז קיין איינס פון זיי ברענגט נישט קיין גרויסן סיפוק פאר'ן מענטש. די אלע תענוגים האלטן נישט אן לאנג, ווייל ווען די תענוגים וואלטן געגעבן סיפוק אויף א לענגערע צייט וואלט נישט אויסגעפעלט צו טוישן כסדר און צו 'אָפּדעיטן' דעם תענוג אזויפיל מאל (מאור ושמש בהעלותך ד"ה ויהי העם; תפארת שלמה כי תבוא ד"ה ושמחת; אור המאיר שיר השירים ד"ה הנשמע מהנ"ל).

ווער עס האט נאר אויגן, זעט ווי דווקא די מענטשן וואס ביי זיי איז ליידער די מציאות אז תורה און מצוות פארנעמען נישט דעם אויבנאן און זיי זענען טאג און נאכט פארנומען נאר מיט תענוגי הגוף – זיי זענען אומצופרידענע מענטשן, זיי זענען שטענדיג אנגעצויגן און אין א מרה-שחורה'דיגן געמיט, און צומאל ווייסן זיי אליין ניטאמאל פארוואס זיי נעמען אן יעדע זאך אזוי שווער און יעדע מינדסטע שוועריגקייט נעמט זיי גלייך ארויס פון די כלים.

דווקא די ערליכע אידן, וואס לעבן מיט'ן אויבערשטן, וואס זענען נישט ארייגעטון אין תענוגי עולם הזה און לעבן א פנימיות'דיג לעבן; וואס זיי האבן לכאורה ווייניגער

גשמיות'דיגע תענוגים, וויבאלד זיי ערלויבן זיך נישט אריינצונעמען יעדע זאך אין מויל, ערלויבן זיך נישט צו פארן אויף יעדן פלאץ, היטן זיך די אויגן נישט צו קוקן וואו מען טאר נישט און זענען אזוי 'באגרעניצט' מיט תענוגים גשמיים – דווקא זיי אנערקענען דעם טייערן און אומשאצבארן ווערד פונעם לעבן אויף דער וועלט, און האבן מער הנאה און סיפוק פונעם לעבן, טראץ די אלע שוועריגקייטן וואס יעדער איינער גייט דורך [זע תוספת נופך אות א'].

> **אפילו מיר, פשוט'ע מענטשן, וואס זענען נאכנישט אויף דער העכסטער מדריגה און מיר שפירן נאך א טעם אין גשמיות, אויב האט מען הנאה אויף אן ערליכן אידישן וועג האט דער תענוג אן אחיזה אין רוחניות.**

דער וואס שעפט זיין חיות פון רוחניות'דיגע תענוגים, לעבט סאך א געשמאקער לעבן פון הנאה און סיפוק, קעגן דער סברה אז ער וואלט געדארפט שפירן פארביטערט, נישט נאכגעבנדיג זיך זיינע גשמיות'דיגע תענוגים. כאטש וואס ער איז אויך נישט אינגאנצן צופרידן, און ער וויל אויך שטענדיג שטייגן, ענדיגן נאך א מסכת, דינען דעם באשעפער בעסער וכדומה, פונדעסטוועגן לעבט ער מיט סיפוק, און יעדעס ביסל עבודת ה' האט ביי אים א געוואלדיגן געשמאק, ער פארלירט נישט דעם טעם דערפון. יעדע שורה גמרא, יעדער אמן יהא שמיה רבא, איז ביי אים כמוצא שלל רב.

און דער הסבר איז זייער פשוט, ווייל **ווי געזאגט האט גשמיות נישט קיין אייגענע מציאות**, דאס איז נישט קיין אמת'ע זאך וואס קען זיך האלטן. איינער וואס האט א שטארקן קשר מיט גשמיות, דאס הייסט אז ער איז צוגעבונדן צו גשמיות'דיגע תענוגים, מיינט דאס אז ער האט גענומען א העכערע זאך פון תענוג, וואס קומט בעצם פון א גאר הויכן שורש, פון די עולמות עליונים, און ער פרובירט דאס מיט געוואלד אריינצוצווינגען אין א פלאץ וואו עס באלאנגט נישט: אין א מצומצמ'דיגער, פיזישער וועלט וואס איז מורא'דיג באגרעניצט.

## דער דארשט נאך תענוג רוחני ווערט נישט געשטילט מיט גשמיות

א איד איז באשאפן געווארן אויף דער וועלט מיט א נאטירליכן ברען און השתוקקות צום בורא כל עולמים, וואס איז דער מקור התענוגים. מען זעט בחוש אז דאס אידישע פאלק האט אן אינערליכן ברען און דראנג וואס לאזט נישט במנוחה, און דער איד שפירט שטענדיג אז ער דארף 'ערגעץ' אנקומען. דער סארט השתוקקות קומט פון א גאר הויכן פלאץ, און **עס איז אן ענדלאזע השתוקקות וואס האט נישט קיין גבול און קיין גרעניץ**. נישט קיין חילוק וויפיל מען וועט עס פרובירן צו פארשטילן וועט עס שטענדיג שרייען און מאנען אינעווייניג אינעם מענטש.

די השתוקקות קומט פון א רוחניות'דיגן דארשט, פון דעם 'צמאה נפשי לאלקים', וואס די נשמה גלוסט זיך צוריקצוקערן צום שורש. דער איינציגער וועג דאס צופרידנצושטעלן איז צו ערפילן די נשמה מיט א תענוג רוחני, און זיך מדבק זיין אין רוחניות'דיגע תענוגים וואס קומען פון די עולמות עליונים, זיך צו דערכאפן דאס הארץ מיט א שטארקן קשר צום באשעפער, מיט א דערהויבענער שבת'דיגער סעודה, שיעורי תורה, דאווענען מיט כוונה, און סתם אזוי לעבן מיט א פנימיות און א שטענדיגן דאנק צום באשעפער, אזוי אז יעדער גשמיות'דיגער תענוג ווערט דערהויבן צום באשעפער (תניא פרק י"ט; דברי חיים שלח ד"ה אך באמת, ועוד רבות).

אבער דער וואס נעמט די ענדלאזע השתוקקות און פרובירט עס צו פארשטילן מיט א בלויזער גשמיות'דיגער הנאה, אן דעם וואס ער זאל אריינלייגן דערין א פנימיות'דיגן טעם, שעפט זיין כוח התענוג פון אזא ענגן מצומצמ'דיגן מקור, וואס איז מורא'דיג ווייט פון דעם 'מקור התענוגים' וואס איז דער יסוד ושורש פון וואו אלע תענוגים קומען אראפ אויף דער וועלט, און ווי ווייטער ער איז פון דעם אמת'ן מקור התענוגים אלץ מער וועט ער קיינמאל נישט אנקומען צו אן אמת'ער צופרידנקייט, אז עס איז ממש א רחמנות אויף אים. ער וועט שטענדיג זיין אויסגעהונגערט און אויסגעדארשט נאך פרישע תענוגים, **ווי א דארשטיגער מענטש וואס טרינקט זאלץ-וואסער**, וואס אויף דער רגע בארואיגט ער זיך אבער תיכף נאכ'ן אראפשלונגען איז ער נאך מער אויסגעדארשט ווי פריער [זע תוספת נופך אות ב'].

> **מיט יעדן איינציגן טריט וואס א איד רוקט זיך אפ פון א תענוג גשמי נעמט ער א טריט נענטער צום צווייטן עק פון תענוג רוחני.**

דאס מיינט אז נישט נאר וואס דער גשמיות'דיגער תענוג קען אים נישט צופרידנשטעלן, ווייל זיין השתוקקות קומט באמת פון א רוחניות'דיגן מקור, נאר נאכ'ן זיך נאכגעבן דעם גשמיות'דיגן תענוג איז זיין השתוקקות נאך מער געוואקסן און געשטיגן, זענענדיג אז ער האט נישט דערגרייכט דעם ציל. ממילא, דער וואס הענגט זיך אן אין א גשמיות'דיגן תענוג, מוז שטענדיג זוכן נייע תענוגים אין וואס זיך אנצוהענגען, ווייל זיינע ערשטע תענוגים האלטן אים שוין נישט, זייענדיג באזירט אויף עפעס וואס איז נישט קיין עכטע זאך (מאור עינים שיר השירים ד"ה כתיב בכל דרכיך; אור המאיר כי תשא ד"ה בפסוק והסירותי).

יעדער איינער קען זיך דאס איבערצייגן במציאות. ווען א מענטש זאל פרובירן צו עסן יעדן טאג דעם זעלבן מאלצייט אן קיין שום טויש, וועט ער דאס נישט אויסהאלטן, און נאך א חודש וועט ער נישט קענען מער קוקן דאס עסן אין פנים. און גערעכט איז ער, ווייל **גשמיות האט נישט קיין עקזיסטענץ**, און דאס קען נישט געבן קיין סיפוק פאר'ן מענטש, דערפאר מוז מען האלטן אין איין טוישן די גשמיות, כדי מען זאל שפירן א תענוג אין דעם.

## דער רוחניות'דיגער תענוג איז אין סוף

ווי אנדערש איז אבער א איד וואס שעפט א תענוג פון רוחניות, און אפילו ווען ער איז עוסק אין גשמיות זוכט ער אויף דערין עפעס אן אינערליכע רוחניות'דיגע נקודה וואס אין דעם ווערט אנגעהאנגען זיין גשמיות'דיגער תענוג. ביי אזא איינער ווערט די השתוקקות ערפילט מיט א ריכטיגן מיטל פון דעם מקור התענוגים וואס איז אין סוף, וואס נאר דאס קען צופרידנשטעלן א השתוקקות וואס איז אין סוף.

אפילו היינטיגע צייטן, וואס מיר האבן שוין נישט די אמאליגע צדיקים, קען מען נאך זען דערהויבענע אידן וואס זייער לעבן איז אנגעפילט מיט תענוג רוחני. אזא איד שעפט זיין תענוג פון לימוד התורה מיט א געשמאק, פון א דערהויבענעם דאווענען, פון צוגיין צו א מצוה מיט א ברען. ביי אים איז פונקט פארקערט, ער קען לערנען דעם זעלבן מסכת לאנגע חדשים און יארן, און

**ווען מען איז שוין גרויס דערקענט זיך שוין נישט דאס שטייגן אזוי לייכט, ווייל א השגה 'בקטנות' איז סאך מער מערקבאר ווי א השגה 'בגדלות'.**

נישט נאר וואס עס ווערט אים נישט נמאס, נאר פארקערט, עס טראגט אלץ מער און מער חשיבות ביי אים. דאס זעלבע שטיקל גמרא איז ביי אים געשעצט און טייער ווי א בריליאנט, נישט קיין חילוק צי ער האט עס געלערנט איין מאל אדער הונדערט מאל.

אדרבה, **אזא איינער ווערט אלץ מער און מער מקושר צום רוחניות'דיגן תענוג**, און ער שפירט דערפון אן אויסטערלישן סיפוק, ווייל ער טרעפט שטענדיג דערין א נייעם טעם. ער דאוונט יעדן טאג דאס זעלבע דאווענען, אבער יעדן טאג איז עס מיט א נייעם ברען און מיט א נייער התלהבות. אזא איינער וואס שעפט זיין תענוג פון א רוחניות'דיגן מקור, שפירט א געוואלדיגע הנאה, טאקע אויף דער וועלט. ער פילט א טעם אין זיין לעבן, ער איז פול מיט סיפוק [זע תוספת נופך אות ג'].

ווי מען זאגט נאך פון איינעם פון די גדולים, אז מען האט אים געפרעגט וויאזוי עס קען זיין אז דער עושר וואס מאכט א יששכר זבולון געשעפט וועט באקומען דעם זעלבן עולם הבא ווי דעם תלמיד חכם. איז עס דען יושר אז דער איד וואס זיצט און לערנט און גיט זיך אוועק פאר תורה מיט מסירת נפש זאל האבן דעם זעלבן שכר ווי דעם עושר וואס לעבט א באקוועם לעבן? האט דער גדול געענטפערט: "עולם הבא באקומען זיי ביידע, אבער דער איד וואס זיצט און לערנט האט דאך עולם הזה אויך..."

## א גשמיות'דיגער תענוג מוז אויך האבן עפעס רוחניות אין זיך

אפילו מיר, פשוט'ע מענטשן, וואס זענען נאכנישט אויף דער העכסטער מדריגה און מיר שפירן נאך א פיינעם טעם אין גשמיות, פונדעסטוועגן אויב האט מען הנאה אויף אן ערליכן אידישן וועג, מען איז עס מקשר מיט'ן רבונו של עולם און מען געדענקט אז דאס איז טאקע נאר א צייטווייליגע הנאה, דאן האט דער גשמיות'דיגער תענוג עפעס אן אחיזה אין רוחניות, עס כאפט זיך אן אין דעם מקור התענוגים, און אזוי קען מען טאקע הנאה האבן פון דער וועלט אזוויוי דער אויבערשטער וויל. אבער אויב איינער כאפט זיך אן אין גשמיות און ער פרובירט ארויסצונעמען זיין סיפוק 'נאר' פון דער גשמיות, וועט ער שטענדיג זיין אנגעצויגן, פארביטערט און אומצופרידן.

ווי מורא'דיג און טרעפליך זענען די הייליגע ווערטער וואס מען זאגט נאך פונעם הייליגן רבי ר' ברוך מעזשביזשער זי"ע: **"עולם הזה, ווי זיס ביסטו פאר דעם וואס לאזט זיך נישט אריין אין דיר, און ווי ביטער און זויער ביסטו פאר דעם וואס לאזט זיך יא אריין אין דיר!"**

דאס איז נישט סתם א ווערטל, נאר עס מיינט ממש כפשוטו, אז אפילו א גשמיות'דיגער תענוג קען נאר האבן א געשמאק ווען מען איז נישט ארייננגעטון דערין. דער תענוג וואס איז באהאלטן אין גשמיות איז באמת פון א רוחניות'דיגן שורש, און דעריבער קען עס נאר האבן עפעס א טעם אויב מען לאזט זיך נישט אריין דערין און מען געדענקט אז דאס קומט פונעם רבונו של עולם. אין דער רגע וואס א מענטש לאזט זיך אריין אין גשמיות און ער מיינט אז דא שטעקט זיין הנאה, דאס הייסט אז ער מיינט אז א שיינער קאר אדער א גוטער נאכטמאל האט עפעס אן אייגענעם תענוג פאר זיך, הייבט ער אן נאכלויפן איין תענוג נאכ'ן צווייטן, און דער סוף וועט זיין אז אפילו די גשמיות'דיגע תענוגים וועלן אויך ווערן פאר'מיאוס'ט ביי אים, אזוי אז ער וועט נעבעך נישט האבן קיין שום סיפוק.

**ג**

# פארוואס שפירט מען נישט גלייך?

## פארוואס שפירט מען נישט אייביג דעם תענוג?

וועט א מענטש פרעגן א שווערע שאלה: אויב איז טאקע אזוויוי מיר האבן דערמאנט אנפאנג (אין אות א'), אז ווען מען גיט אויף א תענוג גשמי באקומט מען אנשטאט דעם פון הימל צו שפירן דעם העכערן תענוג רוחני, איז **וויאזוי קען זיין אז איך פיל דאס נישט?** נישט איינמאל און נישט צוויי מאל האב איך זיך מתגבר געווען אויף א נסיון, איך האב מוותר געווען אויף א תענוג גשמי, אבער למעשה האב איך נישט געשפירט דעמאלט עפעס מער דערהויבן.

עס זענען פארהאן עטליכע הסברים דערויף. אמאל קען זיין אז מען געפינט זיך שוין אזוי טיף אריין אינעם תענוג רוחני, אז מען שפירט נישט יעדן קליינעם פארשריט. אזוי שטייט אין עבודת ישראל פונעם הייליגן קאזשניצער מגיד זי"ע (פ' שמיני ד"ה בפסוק הנ"ל), אז ער האט אמאל געזען דעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע אין חלום, און ער האט אים געפרעגט: "וואס איז די סיבה אז ביים אנהייב, ווען איך האב אנגעהויבן צו פארן צו צדיקים זיך צו לערנען פון זיי א דרך אין עבודת ה', האב איך געפילט ביי מיר א שינוי לטובה פון טאג צו טאג, סיי אין לימוד התורה לשמה און סיי אין כוונת התפילה און סיי אין אלע אנדערע מעשים טובים, און היינט שפיר איך בכלל נישט קיין שינוי פון איין טאג צום צווייטן, און דער נעכטן קוקט מיר אויס פונקט ווי דעם היינט?"

האט אים דער הייליגער בעל שם טוב געענטפערט דעם פאלגנדן הסבר: ווען א קינד הייבט אן צו לערנען אלף-בית, פילט ער יעדן טאג ווי ער רוקט זיך פאראויס. נעכטן האט ער נאר געקענט איין אות און היינט קען ער שוין צוויי, א טאג נאכדעם קען ער שוין דריי אא"וו. אזוי אויך ווען ער הייבט אן צו לערנען חומש, משניות און גמרא, זעט ער יעדן טאג וויאזוי ער רוקט זיך פאראויס, און ער שפירט אז ווי א טאג ווייטער האלט ער אין איין שטייגן. משא"כ ווען ער וואקסט שוין אונטער און ער לערנט שוין גוט גמרא, פילט ער בכלל נישט אז ער רוקט זיך פאראויס, און ער קען נישט אנווייזן מיט וואס ער איז געשטיגן היינט מער ווי נעכטן.

אבער אז מען טראכט אריין זעט מען אז דער אמת איז אז אין די שפעטערע יארן שטייגט מען סאך מער ווי אלס קינד, ווייל בשעת וואס אלס קינד האט ער זיך יעדן טאג פאראויסגערוקט מיט איין אות אדער

**דער תכלית איז נישט אז מיר זאלן שפירן א תענוג אין די מצוות. דער ציל איז מיט א תמימות, מבטל צו זיין דעם רצון פאר'ן רצון הבורא, און אויפגעבן פון דעם גשמיות'דיגן 'יש' פאר'ן רוחניות'דיגן 'אין'.**

איין פסוק חומש, איז ער אלס בחור אדער אלס יונגערמאן געשטיגן טויזנט מאל מער אין הבנה און אין דערגיין א הלכה לאמיתה של תורה מיט גאר א טיפן פארשטאנד. און יעדעס מאל ער לערנט, שטייגט ער מער און מער אין הבנת התורה און איז קונה מער און מער א ידיעה אין תורת ה' און ווערט מער און מקושר מיט'ן אויבערשטן דורך זיין לערנען. נאר טאקע דערפאר, ווייל ער איז שוין אזוי גרויס, דערקענט זיך שוין נישט דער חילוק אזוי לייכט, **ווייל א השגה 'בקטנות' איז סאך מער מערקבאר ווי א השגה 'בגדלות'.** טאקע ווייל ער איז אזוי קליין און ער קען נאך גארנישט, דערקענט זיך יעדן פארשריט זיינעם סאך שטארקער.

פונקט ווי ביי א קליין קינד, וואס הייבט אן צו גיין זיינע ערשטע טריט, ווערן די עלטערן מורא'דיג איבערראשט אז ער גייט שוין א טריט צוויי, און ווען דאס קינד איז גרויס און ער לויפט שוין לאנגע שטרעקעס ווערט קיינער נישט נתפעל אז ער קען שוין לויפן; איז ער דען נישט דעמאלט סאך מער געשטיגן? אוודאי יא, נאר טאקע ווייל ער איז שוין צוגעוואוינט צו גיין אויף די אייגענע פיס כאפט מען שוין נישט ווי ווייט ער האט זיך פאראויסגערוקט. נאר נאך א לענגערער שטיק צייט וועט מען כאפן א בליק אויף צוריק און דעמאלט וועט מען זען דעם דראסטישן פארשריט וואס ער האט געמאכט אין דער שטיק צייט.

## מיר וואקסן אויף מיט א תענוג רוחני

די זעלבע זאך זעט מען, אז גאר שוואכע אידן, וואס זענען ליידער ווייט פון שמירת התורה והמצוות און זייער גאנצער תענוג קומט נאר פון גשמיות ממש, ווען זיי פאלן צומאל אריין צו אן ערליכן איד אויף א שבת ווערן זיי מורא'דיג איבערגענומען פון דעם געוואלדיגן עונג רוחני וואס זיי שפירן ביי א סעודת שבת, עד כדי כך אז אפטמאל הערט מען דערציילן ווי א פרייער איד איז געווארן א בעל תשובה פון איין שבת סעודה. דאס איז ווייל זיי האבן צום ערשטן מאל זוכה געווען צו שפירן וואס דאס מיינט א העכערער תענוג וואס די נשמה האט הנאה אויף דער וועלט.

לעומת זאת, א איד וואס וואקסט אויף פון אלס קליין קינד אין דעם געהויבענעם אטמאספער פון קדושת שבת און קדושת המצוות, שפירט נישט אזוי די התפעלות ביי יעדער סעודת שבת פון דעם גרויסן עונג רוחני וואס זיין נשמה שפירט, און צומאל קען ער זיך נאך אפילו איינרעדן אז ער שפירט נישט בכלל קיין טעם אין א מצוה. אבער עס איז נישט אמת, אוודאי שפירט ער, נאר טאקע ווייל ער איז שוין אזוי געוואוינט אין דעם באמערקט ער נישט יעדן קליינעם פארשריט.

**די זעלבע זאך איז ביי א איד וואס גיט אויף א תענוג גשמי,** ער איז מוותר אויף א צייטווייליגער הנאה ווייל ער וויל ליבערשט טון א מצוה, ער מאכט אן ערליכע ברכה איידער ער גייט עסן אא"וו, איז אוודאי בלי שום ספק אז זיין נשמה שפירט א העכערן תענוג רוחני, און דאס אז ער באמערקט עס נישט איז טאקע דערפאר ווייל ער האלט שוין ביי גרעסערע פארשריט ווי דעם. עס קען זיין אז ער אליין כאפט עס נישט, טאקע ווייל ער פילט שוין ווי עס קומט אזוי, אז שבת איז א דערהויבענער טאג און אז דער געשמאק פון הארעווען א שעה צוויי אין לערנען איז ביי אים שוין א פשוט'ע זאך, אזוי אז ער שפירט נישט אויף דער מינוט ווי זיין תענוג רוחני איז שטארקער געווארן.

דאס מיינט נישט אז מען האט נישט אויף וואס צו ארבעטן און צו שטייגן. אמאל קען אבער זיין אז ער האט נאך אסאך צו הארעווען אנצוקומען צו דער הויכער מדריגה פון געהויבענע אידן וואס לעבן אגאנצן טאג אין א תענוג רוחני, פונדעסטוועגן איז שוין יעצט די מציאות אז זיין אמת'ן חיות באקומט ער פון רוחניות, און דערפאר איז אים שווערער צו באמערקן אז עס איז ביי אים פארשטארקערט געווארן, אבער אז ער וועט זיך ריכטיג מתבונן זיין

# תוספת נופך

**א]** אין דעם ענין פון צדיקים וואס זייער גאנץ לעבן איז איין שטיק תענוג רוחני, זע דאס הייליגע לשון פונעם רבי'ן ר' אלימלך זי"ע אין ספר הקדוש נועם אלימלך (תרומה ד"ה א"י דאיתא במשנה) וזל"ק:

"יֵשׁ צַדִּיק שֶׁעוֹבֵד בְּמַחֲשָׁבוֹת טְהוֹרוֹת וּמְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ עַל יְדֵי הַמִּצְווֹת בַּבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא בִּדְבֵקוּת וַחֲשִׁיקוּת גָּדוֹל וְרוֹאֶה תָּמִיד רוֹמְמוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, **הַצַּדִּיק הַזֶּה הוּא מוֹשֵׁךְ תַּעֲנוּגֵי עוֹלָם הַבָּא אֵלָיו כְּאִלּוּ נֶהֱנֶה מִזִּיו הַשְּׁכִינָה בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְזֶה הַצַּדִּיק אֵינוֹ מְצַפֶּה לְתַעֲנוּגֵי עוֹלָם הַבָּא, כִּי יֵשׁ לוֹ תַּעֲנוּגֵי עוֹלָם הַבָּא בָּעוֹלָם הַזֶּה.** וְזֶהוּ דְּאִיתָא בִּבְרָכוֹת שֶׁבֵּרְכוּ עוֹלָמְךָ תִּרְאֶה בְּחַיֶּיךָ, רוֹצֶה לוֹמַר שֶׁתִּזְכֶּה שֶׁתִּהְיֶה כָּל כָּךְ צַדִּיק שֶׁתִּהְיֶה בִּדְבֵקוּת תָּמִיד **וְאָז תִּהְיֶה לְךָ תַּעֲנוּגֵי עוֹלָם הַבָּא בְּחַיֶּיךָ.** "

(וע"ע בספה"ק 'אור לשמים' וישב ד"ה וישב יעקב, ובספה"ק 'באר מים חיים' לך לך ד"ה ולא נשא)

**ב]** דער חובת הלבבות אין שער חשבון הנפש פ"ג חשבון י"ב איז מסביר דעם ענין אז מען קען זיך נישט צופרידנשטעלן מיט תענוגי עולם הזה, מיט א משל צו איינעם וואס וויל אויסלעשן א פייער מיט העלצער, וואס ווי מער האלץ ער וועט צולייגן אלץ גרעסער וועט דער פייער ווערן. ס'איז כדאי צו זען זיינע הייליגע ווערטער ככתבו וכלשונו:

"חֶשְׁבּוֹן הָאָדָם עִם נַפְשׁוֹ בְּעֵת הֱמִית לִבּוֹ וַחֲרִיצוּתוֹ עַל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם, שֶׁעוֹשֶׂה זֹאת בְּכָל הִשְׁתַּדְּלוּתוֹ וְתַכְלִית תַּחְבּוּלוֹתָיו וּקְצֵה גְּבוּל יְכָלְתּוֹ, וְיִשְׁקֹל לְעֻמַּת זֹאת אֶת הַנְהָגָתוֹ בְּעִנְיְנֵי אַחְרִיתוֹ וַעֲבוֹדַת אֱלֹקָיו, שֶׁהוּא מְבַזֶּה עֲבוֹדָה זוֹ וְנוֹטֶה מֵעָלֶיהָ... **כִּי לֹא יַסְפִּיק לוֹ מִמִּינֵי קִנְיָנָיו מְאוּמָה. אַךְ הוּא כָּאֵשׁ, כָּל אֲשֶׁר תּוֹסִיף עֵצִים הִיא מוֹסִיפָה לֶהָבָה, וְכָל לִבּוֹ וְכַוָּנָתוֹ מוּשְׁכִים אֵלָיו יוֹמָם וְלַיְלָה,** אֵינֶנּוּ חוֹשֵׁב לְאוֹהֵב אֶלָּא מִי שֶׁיַּעְזְרֵהוּ עָלָיו, וְלֹא רֵעַ נֶאֱמָן אֶלָּא הַמְיַשְּׁרֵהוּ אֵלָיו, וִיצַפֶּה לְעִתּוֹת אֶצֶר הַמִּסְחָרִים וְעִתֵּי מְכִירָתָם, וְצוֹפֶה עִנְיְנֵי הַשַּׁעַר, וְחוֹקֵר עַל יֹקֶר הַסְּחוֹרוֹת וְזָלוּתָן וַעֲלוּתָן וִירִידָתָן בְּכָל קַצְוֵי הָאָרֶץ, וְלֹא יְעַכְּבֵהוּ מְלֶּכֶת בַּדְּרָכִים הָרְחוֹקִים חֹם וְלֹא קוֹר וְלֹא סַעַר הַיָּם וְלֹא אֹרֶךְ הַדֶּרֶךְ בַּמִּדְבָּרוֹת, **אַךְ כָּל זֶה לְתִקְוָתוֹ שֶׁיַּגִּיעַ אַל תַּכְלִית וְאֵין תַּכְלִית לוֹ.**"

**ג]** איבער דעם ענין אז א תענוג רוחני גיט א סיפוק פאר'ן מענטש און צו דער זעלבער צייט באקומט מען א השתוקקות פאר נאך, איז כדאי צו זען ווי שיין דער הייליגער ערבי נחל (ליקוטים סוף ספר שמות איז מסביר דעם ענין בטוב טעם ודעת, וזל"ק:

"כִּי יֵשׁ ב' מִינִים עֲרֵבִים בְּעִנְיְנֵי עוֹלָם הַזֶּה, **חֶמְדָּה וְתַעֲנוּג,** הַחֶמְדָּה הוּא חֶמְדַּת מָמוֹן רַב וְעֹשֶׁר וְכֵלִים יָפִים וְדוֹמֵיהֶן, וְתַעֲנוּג הוּא מַאֲכָלֵי עֲרֵבוֹת וּמִינֵי מַטְעַמִּים וְדוֹמֵיהֶן. וְאָמְנָם ב' דְּבָרִים אֵלּוּ הֵם ב' הֲפָכִים, **כִּי מִינֵי הַתַּעֲנוּגִים אֵין הַתַּאֲוָה לָהֶם רַק בִּהְיוֹת הָאָדָם חָסֵר מֵהֶם אוֹ שֶׁיֵּשׁ לוֹ מְעַט אֲבָל בְּרִבּוּיָם לֹא דַּי שֶׁבָּטַל הַתַּאֲוָה אֲלֵיהֶם, אַדְּרַבָּה הוּא קֵץ וּמוֹאֵס בָּהֶם,** וּכְמוֹ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב (משלי כה, טז) 'דְּבַשׁ מָצָאתָ אֱכֹל דַּיֶּךָּ פֶּן תִּשְׂבָּעֶנּוּ וַהֲקֵאוֹתוֹ', **אֲבָל הַחֶמְדָּה כָּל עוֹד שֶׁיִּתְרַבֶּה הָעֹשֶׁר יִתְרַבֶּה יוֹתֵר הַחֶמְדָּה וְהַתְּשׁוּקָה אֵלָיו** וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רז"ל (קהלת רבה א, לד) יֵשׁ לוֹ מָנֶה מְבַקֵּשׁ מָאתַיִם יֵשׁ לוֹ ר' מְבַקֵּשׁ ת'. נִמְצָא שֶׁבִּהְיוֹת הָאָדָם חָסֵר מָמוֹן זֶה אֵין לוֹ חֶמְדָּה וְאִם יִהְיֶה בְּתַכְלִית הָרִבּוּי יִהְיֶה הַתְּשׁוּקָה אֵלָיו בְּתַכְלִית הַהַפְלָגָה. וְאָמְנָם **הַתּוֹרָה וּמִצְוֹתֶיהָ וַעֲבוֹדַת ה' כֻּלָּהּ יֵשׁ לָהּ שְׁנֵי הַמַּעֲלוֹת גַּם יַחַד, כִּי עִם שֶׁיֵּשׁ בָּהּ מְתִיקוּת גָּדוֹל מִכָּל מְתִיקוּת הָעוֹלָם הַזֶּה** כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רז"ל (אבות פ"ד מי"ז) יָפָה שָׁעָה אַחַת בִּתְשׁוּבָה כו', וְרֹב הַמְּתִיקוּת אֲשֶׁר בָּזֶה הָיָה גּוֹרֵם עַל צַד הַטֶּבַע אֲשֶׁר בְּרִבּוּיָם תִּתְבַּטֵּל תְּשׁוּקַת הָאִישׁ, **אעפ"כ יֵשׁ לָהּ גַּם מַעֲלַת הַחֶמְדָּה שֶׁכָּל עוֹד שֶׁיּוֹסִיף הָאָדָם בַּתּוֹרָה וַעֲבוֹדָה יוֹתֵר תִּתְרַבֶּה הַתְּשׁוּקָה אֲלֵיהֶם.**"

**דער ענין אז וואס מער מען גיט אויף דעם תענוג גשמי, אלץ מער באקומט מען קעגן דעם א תענוג רוחני, קען נאר קומען נאך וואס מען ווייסט אז מיר זענען דא אויף דער וועלט צו טון דעם רצון ה'.**

וועט ער זען אז ער שפירט שוין יעצט א העכערן תענוג אין א דבר מצוה.

## דער תענוג בלייבט אויף אייביג און ווערט נאר העכער

אבער אויסערדעם דארף מען געדענקען א וויכטיגע נקודה, וואס איז באמת געווארן אויסגעשמועסט באריכות אין די ערשטע גליונות ווען מיר האבן גערעדט וועגן ביטול.

דער תכלית פון מצוות און מעשים טובים איז צו טון דעם רצון הבורא און דערמיט אויספירן די שליחות וואס דער בורא כל עולמים האט אונז געגעבן אין אונזערע יארן אויף דער גשמיות'דיגער וועלט, און דער תכלית איז **נישט** אז **מיר** זאלן שפירן א תענוג אין די מצוות. דער ציל ביים מקיים זיין דעם רצון הבורא דארף זיין מיט א תמימות, מבטל צו זיין דעם אייגענעם רצון פאר'ן רצון הבורא, און אויפגעבן פון דעם גשמיות'דיגן 'יש' פאר'ן רוחניות'דיגן 'אין', און נישט מיט'ן פלאן צו באקומען עפעס אויף צוריק.

אויב א איד וועט צוגיין צו תורה ומצוות מיט א לאגישן חשבון און וועט דאס אנקוקן ווי א געשעפט אדער א 'ביזנעס דיעל', אז ער וועט טאקע אויפגעבן אויף א תענוג גשמי אבער ער וועט באקומען א תענוג רוחני קעגן דעם, איז דאס נישט דער ריכטיגער צוגאנג און דאס וועט נישט קענען ארבעטן. מען גייט זיכער נישט זען אויפ'ן ארט א באלדיגן אויסטויש פון תענוג רוחני קעגן יעדן תענוג גשמי, און ווען יא וואלט בכלל נישט געווען קיין נסיון און עס וואלט בכלל נישט געווען קיין עבודת ה' נאר 'עבודת עצמו'.

דער ענין אז וואס מער מען גיט אויף דעם תענוג גשמי, אלץ מער באקומט מען קעגן דעם א תענוג רוחני, קען נאר קומען **נאכדעם** וואס מען ווייסט און מען גלייבט אז מיר זענען דא אויף דער וועלט צו טון דעם רצון ה', **נישט קיין חילוק צי מיר פארשטייען עס יא אדער נישט, צי מיר שפירן יא א טעם דערין אדער נישט** און צי מיר פארדינען עפעס דערפון אדער נישט. מיר טוען דעם רצון ה' מיט א גענצליכן ביטול, זייענדיג אונטערגעווארפן אונטער דער הנהגה פון דעם מלך מלכי המלכים, וואס האט אונז אראפגעשיקט אויף דער וועלט צו טון זיין רצון, און מיר טוען עס אפילו אן פארשטיין און אן שפירן קיין שום תענוג.

אונזער עבודה מיט'ן טוישן דעם תענוג גשמי פאר א תענוג רוחני **טאר נישט זיין געבויט אויף דער מטרה כדי אנצוקומען צו א תענוג רוחני**, ווייל אפילו א מענטש שפירט נישט קיין שום תענוג ביי א מצוה דארף ער עס נאך אלץ טון, און ער דארף גלייבן אז דער אויבערשטער האט זיכער א נחת רוח דערפון; אדרבה, דער אויבערשטער האט דעם גרעסטן נחת רוח ווען מען טוט זיין רצון אפילו מען שפירט נישט קיין שום תענוג דערביי.

אבער נאכדעם וואס דאס איז שוין גוט באפעסטיגט ביי זיך, און מען פארשטייט אז דער איינציגער וועג צו לעבן אויף דער וועלט איז צו זיין צוגעבונדן צום אויבערשטן און צו זיין רצון, דעמאלט וועט מען מיט דער צייט קלאר שפירן די ליכטיגע קרבת אלוקים און צוביסלעך זיך אפשאקלען פון א גשמיות'דיג לעבן. אוודאי וועט מען עס נישט זען אויף דער מינוט, אבער נאך א לענגערער ווײלע פון ארבעטן אויף זיך – אז יעדעס מאל ביים עוסק זיין אין גשמיות זאל מען זיך אפשטעלן און געבן א טראכט, איין רגע, דאס קומט דאך פונעם בורא כל עולמים – וועט מען זען אז דאס נפש וועט ווערן העכער און אויסגעאיידלט, און מען וועט אנהייבן שפירן העכערע רוחניות'דיגע תענוגים.

דאס אליין, אז א מענטש איז בכלל זוכה צו שפירן א תענוג רוחני, איז א מתנה וואס דער אויבערשטער גיט אים. אבער וואס מער מחשבה מען לייגט אריין צו אנערקענען אז יעדער תענוג גשמי קומט באמת פונעם מקור התענוגים, ווערט מען אלץ מער און מער באהאפטן צום העכערן תענוג, און מען לעבט א העכער, זיסער און געשמאקער לעבן דא אויף דער וועלט, ווייל דער תענוג בלייבט אויף אייביג.

# חסיד'יש גערעדט...

תמצית החידושים ומושגים בחסידות שלמדנו במאמר זו

- **דער אויבערשטער באקומט דעם גרעסטן תענוג ווען א איד איז מוותר אויף תענוגי עולם הזה פאר'ן רצון ה'.**
- ווען א איד ברענגט ארויף א גשמיות'דיגן תענוג צום אויבערשטן, באקומט ער צוריק א תענוג רוחני אין פאָרעם פון העכערע השגות.
- **איינער וואס לעבט אין גשמיות'דיגע תענוגים דארף שטענדיג באנייען זיינע תענוגים, ווייל זיי באפרידיגן נישט דעם מענטש.**
- א פנימיות'דיגע השתוקקות קען נישט ערפילט ווערן מיט גשמיות'דיגע תענוגים אליין, נאר אויב מען פארבינדט עס מיט'ן באשעפער, דעם מקור התענוגים.
- **אידן וואס לעבן מיט רוחניות האבן א גרעסערע הנאה און סיפוק פון זייער לעבן, כאטש וואס זיי האבן אויבנאויף נישט קיין תענוגי עולם הזה.**
- די נשמה האט א נאטירליכן דארשט וואס שטרעבט פאר העכערס, וואס נאר רוחניות קען שטילן.
- **יעדער גשמיות'דיגער תענוג דארף האבן עפעס א קשר מיט רוחניות, אויב נישט וועט מען שנעל נמאס ווערן דערפון.**
- יעדער טריט וואס מען רוקט זיך אוועק פון תענוג גשמי איז א טריט נענטער צו דעם אמת'ן תענוג רוחני.
- **צומאל איז שווער צו דערקענען ווען מען שטייגט אין תענוג רוחני, אזויווי א קינד וואס ווען עס איז אינגער באמערקט מען שנעלער זיין פארשריט.**
- דער תכלית פון מצוות איז נישט צו באקומען מער תענוגים, נאר צו מבטל זיין דעם אייגענעם רצון פאר'ן רצון הבורא.

ארויסגעגעבן דורך
**מכון שפ"ה ברורה**
פאר הערות והארות, אדער צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל
ביטע שיקט אן אימעיל צו:
beheichala@gmail.com

ההפצה ב'בארא פארק'
נתנדב ע"י ידידינו העומד תמיד לימינינו
מו"ה **אליעזר דוד חיימאוויטש** הי"ו
לע"נ חי' שרה בת יקותיאל ארי' ע"ה